צונגיקע, נישט קיין ליבהאָבער פון פיל וויין, נישט
9 גענייגט נאָך שענדלעכן געווין; וואָס האַלטן דעם
10 סוד פון דער אמונה אין אַ לויטער געוויסן. און
זאָלן די דאָזיקע קודם כּל ווערן אויסגעפּרובירט;
שפּעטער זאָלן זיי דינען ווי שמשים, אויב זיי זענען
11 אָן אַ פֿעלער. אויך אַזוי דאַרפֿן די פֿרויען זײַן
ערווירדיק, נישט קיין רכילות־רעדנערינס, ניכטער,
12 געטריי אין אַלעם. שמשים זאָלן זײַן מענער פון
איין פֿרוי, וואָס הערשן גוט איבער זייערע קינדער
13 און איבער זייערע אייגענע הייזער; וואָרום אויב
זיי האָבן גוט געדינט אַלס שמשים, דערווערבן
זיי זיך אַ גוטע שטופֿע און גרויס פּתחון־פּה אין
דער אמונה, וואָס איז אינם משיח ישוע.
14 דאָס שרײַב איך דיר, האָפֿנדיק צו דיר צו קומען
15 אין גיכן, און אויב איך וועל מיך פֿאַרזאַמען, כּדי
דו זאָלסט וויסן וויאַזוי מען דאַרף זיך אויפֿפירן אין
ג־טס הויז, וועלכעס איז די קהלה פון דעם לעבע־
דיקן ג־ט, דער זײַל און פֿונדאַמענט פֿונם אמת.
16 און נישט אָפּצולייקענען גרויס איז דער סוד פון
יראת־שמים: ער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אינם
פֿלייש, איז גערעכטפֿערטיקט געוואָרן אינם גייסט,
האָט זיך באַוויזן צו מלאכים, איז אָנגעזאָגט געוואָרן
צו די גוים, געגלויבט אין דער וועלט, אַרויפֿגע־
נומען געוואָרן אין הערלעכקייט.

## קאַפּיטל פיר

1 דער גייסט אָבער זאָגט אויסדריקלעך, אַז אין
שפּעטערע צײַטן וועלן אייניקע אָפּפֿאַלן פון דער
אמונה, האַלטנדיק זיך צו פֿאַרפֿירערישע גייסטער
2 און טייוולאָנישע לערנונגען דורך דער צביעות פון